STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03630

ERSHTE TRIT

Ezra Gutman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עזרא גוטמאַן

ערשטע טריט



פאַרלאַג אידיש לעבן
334 איסט 15טע סטריט
ניו יאָרק, נ. י.

Copyright, 1929
Verlag Yiddish Leben
New York, N. Y.

צו עזרא׳ן

פון מאני לייב

פּאָעט, דו ביסט דער קעניג,
די גאַנצע וועלט — דיין לאַנד!
און אַלץ איז אונטערטעניג
צום צייכן פון דיין האַנט.

אַ צייכן — וואָס נעמט פאַלן
אַ שניי אין מיטן יון;
מיט העלן גאָלד נעמט שטראַלן
אין מיטן נאַכט די זון.

אַ צייכן — שווייגן יאָמען,
און ריידן רעדט אַ שטיין.
און וועלדער פון די שטאַמען
ווי מענטשן נעמען גיין.

פּאָעט, נאָר אויך דעם קעניג
זיין קרוין איז פאַר אים שווער! —
אויך דו ווערסט אונטערטעניג
צו דיין געהיימער טרער.

אַ צייכן — און די טרערן,
געצויגן אויף די שניר,
זיי וועלן פערל ווערן
פאַר דיר און ניט פאַר דיר.

18טן אָקטאָבער, 1929. מאַנהעטן ביטש, נ. י.

אַרײַנפֿיר

איך בין מכבד געוואָרן פֿון עזרא'ס עלטערן — שיינע און חיים גוטמאַן (דער לעבעדיקער) — אַרײַנצופֿירן זייער בר־מצוה־בחור צווישן די „גרויסע".

בין איך געווען ניט אין קיין קליינע פֿאַרלעגנהייט. אַרײַנפֿירן אַ פּאָעט, מעג ער זײַן בלויז 13 יאָר, מיינט ווי ניט איז משפּט'ן אים. און עס איז אַ כלל גדול, אַז גע־משפּט זאָל אַ מענטש ווערן בלויז פֿון זײַן גלײַכן.

ווי זאָל איך מיך אויסגלײַכן מיט עזרא'ן? ווי וואַרף איך אַראָפּ מײַן באַרג מיט יאָרן?

בין איך געפֿאַלן אויף אַ המצאה: איך האָב אוועק־געזעצט משפּט'ן אים זײַן גלײַכן — פֿון זײַן עלטער, און אויך אַ האָדעוואַניק פֿון די נײַע אידישע שולן — אסתר זעגלין פֿון פֿילאַדעלפֿיע, וועלכע פּונקט ווי עזרא האָט זיך שוין געדרוקט אין די זשורנאַלן.

און דער עקספּערימענט איז געלונגען. דורכלייענענדיק זײַנע לידער, שרײַבט זי צו אים אַ בריוו, וואו זי גיט אַרויס אַ וויכטיקן קינדערשן סעקרעט:

„די גרויסע מיינען, מיר זײַנען קינדער, און מיר זײַנען גאָר גרויסע"!

צוגעטראָפֿן. דאָס איז אַ שטאָך אונדז. וואָס ווען מיר גייען צו צו קינדער, פֿאַרשטעלן מיר זיך פֿאַר קינדער, און פֿאַלש איז אונדזער צוגאַנג.

דער גאַנג פֿון קינדער־שרײַבער איז גאָר פֿאַרקערט — אָנצוואָגן די גרויסע אין דער מלאכה פֿון שרײַבן.

און צוגעטראָפֿן עזרא'ן. עזרא איז אַ גרויסער אין זײַן שרײַבן. צו זײַן קליין ברודערל זינגט ער אַ לידל, ווי אַ גרויסער: „דער קליינער שטיקל ברעז".

און ער האָט די מאַניערן פֿון די גרויסע:

„אַז פּאַרט דאָרט אַ העלדישער רייטער פון גרויזאַמן זיג".

„טיק־טאַק, טיק־טאַק, אַ נײַ פאָלק ווערט געבאָרן".

די טאַטעס־פּאָעטן האַלטן עס פאַר אַן אויפטו, ווען זיי כאַפּן נײַ יאַרק אין אַ ליד. עזרא טוט עס אויך. ער מייסטערט די ווערטער, און זיי פאָלגן אים און גיבן איבער — פלינק און שאַרף און קנאַפּ — דעם אימפּעט אין דעם ווידער־קול פון שטאָל־אײַזערנעם האַרמידער.

עזרא קען די מלאכה. צו בר־מצוה האָט ער אָנגעיאָגט די גרויסע. איצט דאַרף ער שוין זיי אַריבעריאָגן. ער דאַרף שוין זוכן זײַנע אייגענע מצוות. אויף אייגענע אחריות.

אַ פאַרטראַכט אינגעלע איז עזרא. ביז אַהער האָט די מלאכה פון שרייבן אים געגעבן גענוג צו פאַרטראַכטן זיך. איצט דאַרף ער שוין נעמען טראַכטן פון אייגענעם געמיט אַרויס.

זײַן ליד „צו מײַן באָבען" זאָגט עדות, אַז ער האָט פון וואַנען צו שעפּן געמיט.

ביז אַהער האָט עזרא געאַרבעט מיט זײַן טאַטנ'ס, דעם לעבעדיקער'ס הויפּט־מעלה — מיט דער חכמה פון באַוועלטיקן וואָס דאָס אויג זעט — איצט זאָל זײַן קלוג אייגעלע אַ קוק טאָן אינווייניק.

און ברוך שפּטרני! — דער טאַטע זאָל שטיין פון דער ווייטנס און צוקוקן.

אַ יישר כח עזרא'ן, דעם אינגסטן פון די אידישע פּאָעטן.

און אַ יישר כח די נײַע אידישע שולן, וועלכע זײַנען בר־מצוה געוואָרן מיט עזרא'ן.

ב. ריווקין.

28סטן מערץ, 1929.

ליבער עזרא גוטמאַן:

כ'האָב היינט באַקומען דיינע צוויי לידער — און איך דאַנק דיר פאַר זיי. זיי געפעלן מיר זייער. זיי זיינען ווערט געדרוקט צו ווערן אין קינדער־זשורנאַל — און זיי וועלן געדרוקט ווערן. שיק אונז נאָך זאַכן, איך בעט דיך. מיר געפעלט דערהויפּט, וואָס דו פילסט, אַז אַ ליד דאַרף מען אויפבויען, ווי אַ הויז, מען זאָל וויסן, וואו איין און וואו אויס. דיינעביידע לידער האָבן נישט נאָר אַן אָנהויב, זיי האָבן אויך אַ סוף. און דאָס איז זייער גרעסטע מעלה.

איך וועל דיך נאָר בעטן מיר לאָזן שרייבן אין דער ערשטער סטראָפע פונם ליד „שפּיל" „ביקסלאַך" און „פּיקס־לאַך" (אַנשטאָט „ביקסעלאַך" און „פּיקסעלאַך"), דאַן — „פּאַרטאַן אין די שפּילצייג, פּאַרטאַן אינם שפּיל" (אַנשטאָט „פּאַרטאַן מיט די וועגעלאַך, פּאַרטאַן אינם שפּיל").

און נאָך אַמאָל: שיק נאָך לידער און אויך פּראָזע, אויב דו האָסט. איך פיל, אַז דו וואַקסט אַ שרייבער.

זיי געזונט און גערים דיינע עלטערן.

דיין

ש. ניגער

פלי, דו קליינער נאַכטיגאַל!

פלי, דו קליינער נאַכטיגאַל,
פלי, דו שיינער זינגער!
פלי צום ברעג פון גרויסן ים,
דאָרטן וואוינט אַן אָרימאַן —
מאַך זיין טרויער גרינגער.
זינג אים דאָרט אַ לידעלע,
אַז ער זאָל זיך פרייען, טאַנצן,
אַז די אויגן זאָלן גלאַנצן;
אַז ער זאָל אין אַלץ פאַרגעסן:
אַז ער האָט ניט וואָס צו עסן,
אַז זיין שטיבל פאַלט באַלד איין,
אַז פון הונגער און פון פיין
וועט ער באַלד אויסגיין.
זינג אים דאָרט דיין שענסטע ליד,
וועט ער אויפהערן זיין מיד,
וועט זיין יעדע קראַנקע גליד,
אויפהערן אים וויי־טאָן.
און זיין בליק פון פרייד און גליק,
וועט דיר אָפּצאָלן צוריק,
פאַר דיין גוטער אַרבעט.

אָ, דו קליינער נאַכטיגאַל,
אָ, דו שיינער זינגער!
פלי צום ברעג פון גרויסן ים,
דאָרטן וואוינט אַן אָרימאַן,
מאַך זיין טרויער גרינגער!

שפיל

וועגעלאַך, שיפעלאַך, פערדעלאַך, ביקסעלאַך,
שפּילן זיך קינדערלאַך צוויי אויפ׳ן דיל;
זיי קריכן אַרום ווי צוויי קליינינקע פּיקסעלאַך,
פאַרטאָן מיט די שפּילצייג, פאַרטאָן אינ׳ם שפּיל.

זיי מאַכן אַ פּאַלאַץ מיט זילבער באַדעקט,
מיט בלומען קאָלירטע און ביימער אַ סך;
אין מיטן אַ קלעצל פאַלט פּלוצלינג אַרויס,
און ס׳פאַלט איין דער פּאַלאַץ מיט שרעקלאַכן קראַך...

זיי מאַכן אַ ים אַ בלויען, אַ טיפן,
מיט מאַטראַסן אין שטאַרקע און ריזיקע שיפן;
נאָר פּלוצלינג אַ שטורעם האָט זיך אויסגעבראָכן,
און דערטרונקען די שיפן אינ׳ם ים, אינ׳ם טיפן.

וועגעלאַך, שיפעלאַך, פערדעלאַך, ביקסעלאַך,
שפּילן זיך קינדערלאַך צוויי אויפ׳ן דיל;
זיי קריכן אַרום ווי צוויי קליינינקע פּיקסעלאַך,
פאַרטאָן מיט די שפּילצייג, פאַרטאָן אינ׳ם שפּיל.

אַ שנײ

די וואָלקנס קלײַבן זיך צונויף,
דער הימל ווערט אינגאַנצן גרוי;
איך קוק פון פענצטער און איך זע,
עס פאַלט אַרוים דער גרויסער שנײ.

קינדער קריכן אויף די בערג,
שליטלען זיך אַראָפּ פון זײ;
און זײ פאַלן מיט אַ כליאָפּ
אין דעם ווײַסן, רײנעם שנײ.

די זון

די זון שײַנט אויף דער גאַנצער וועלט
אויף פויערים און פּריצים,
אויף רײַכע, וואָס זײ רוען טעג
און אויף אָרימע וואָס שוויצן.

די זון שײַנט אויף די פעלדער,
די זון שײַנט אויף די שטעט,
די זון שײַנט אין מײַן פענצטער
און פילט מיט גאָלד מײַן בעט.

אַ רעגן

עס איז פינצטער, עס איז נאַס,
און ס׳איז אומעטיג און קאַלט,
און די הײַזער אַלע שלאָפן,
און דער רעגן פאַלט און פאַלט.

די גאַסן זײַנען אַלע לײדיג,
און דער שוואַרצער הימל
קוקט אַרונטער אויף די גאַסן
אײַנגעהילט אין דרימל.

ב י י מ ע ר

ס׳קומט שוין אָן דער ליבער פרילינג,
ס׳בליט שוין איבעראַל אויפסניי;
ס׳שטייעןביימער אויפגעלעבטע,
ס׳שטייען ביימער שטאָלץ און פריי.

לאַנגע, הייסע טעג פון יולי,
ס׳ברענט די זון; די וועלט איז מיד;
גרינע בלעטער אויף די ביימער,
רוישן, זינגען מיר אַ ליד.

ס׳קומט דער הערבסט, און טרייבט דעם זומער,
טויטע פלאַנצן איבעראַל;
ס׳ליגן בלעטער אויף די גאַסן,
ווי טאַפּעטן אין אַ זאַל.

ווינטער-טעג פון שניי און שטורעם,
ס׳טראָגט זיך איבעראַל אַ קעלט;
ס׳שטייען ביימער איינגעבויגן,
אין אַ גרויסער קאַלטער וועלט.

אין באן

שטראַלן גליען,
מיילן פליען,
רעדער קוויטשען,
און זיי גליטשן
אויף די רעלסן.
און די פעלזן
קוקן שטום;
און דער עכאָ
פון די גוואַלדן
אין די וועלדער —
ענטפערט בייז,
מיט אַ ברום.
און די באַנען,
און וואַגאָנען,
לויפן גיכער,
פון אַ וויכער —
און פאַרשווינדן,
מיט די ווינטן,
מיט אַ ברום.

ה ע ר ב ס ט

ס׳שטייען נאַקעט בוים און בלום,
הערבסט איז דאָך געקומען;
אַלץ וואָס האָט ניט לאַנג געבליט,
איז שוין אומגעקומען.

ס׳קוקן צווייגן נאַקעטע,
ווי די בלעטער פאַלן;
ס׳וועט די זון ניט מער אויף זיי,
גיסן אירע שטראַלן.

ב ל ו מ ע ן

בלימעלאַך קאָלירטע,
בלימעלאַך באַצירטע,
שטייען שטיל און קוקן,
און צום ווינט זיך בוקן.

און די זונענשטראַלן,
אויף די בלומען פאַלן,
און די שטילע בלומען,
גיסן אוים פּערפיומען.

און די בינען זשומען,
זיצן אויף די בלומען,
און די בלומען קוקן,
און צום ווינט זיך בוקן.

דער זייגער

דאָרטן שטייט אַ זייגער,
ציילט ער נאָכאַנאַנד,
מיט זיין טיק־טאַק לשון
רעדט ער צו דער וואַנט.

טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק,
וואָכן, טעג און יאָרן...
טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק,
אַ ניי פאָלק ווערט געבאָרן.

טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק,
שטעט און שטעטלאַך פאַלן...
טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק,
ס׳קראַכן וואַסער־פאַלן...

טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק,
לאַנגזאַם שפינט די מאַמע צייט,
טיק־טאַק,טיק־טאַק, טיק־טאַק,
אַ גרויער פאָדים ציט זיך ווייט...

עס ציילט די צייט דער זייגער,
אויף זיין טיק־טאַק לשון...
ציילט און ציילט ביז וואַנען ס׳וועט
זיין אייגן האַרץ געלאָשן...

דרייצן

שאָטנס

ביי מיר אין קליינעם צימער,
זיץ איך און איך טראַכט.
איך זע דאָרט קריכן שאָטנס,
פון דער שוואַרצער נאַכט.

זיי קריכן אין מיין צימער,
פּאַוואָליִנקע אַריין;
זיי טרייבן פון מיין צימער,
דעם לעצטן שטראַלן־שיין.

זיי טאַנצן און זיי שפּרינגען,
ווי שדים אין דער נאַכט;
און איינער האָט פון מיר זיך
גאָר מאָדנע, שטאַרק צעלאַכט.

זיי קומען זיך צוזאַמען,
און רעדן אָן אַ שיר.
זיי שושקען זיך און סוד'ען
און קוקן אַלץ אויף מיר.

זיי ווילן מיך דאָ כאַפּן,
זיי שטרעקן אויס די הענט.
איך וויל פון זיי אַנטלויפן,
פאַרהאַלטן מיך די ווענט.

איך רייס זיך דורך די שאָטנס,
איך רייס זיך דורך און לויף;
איך פאַל, איך הייב אָן שרייען,
און כאַפּ זיך תיכף אויף.

פערצן

דער וואַסערפאַל

מורמלענדיג, זינגענדיג,
פליענדיג, שפּרינגענדיג,
גליטשט זיך דער וואַסערפאַל
גלייך אינ׳ם טאָל.
גאָלדענע שטראַלעלאַך,
זילבערנע קוואַלעלאַך,
פליען ווי פייגעלאַך,
גלייך מיט אַמאָל.

פליעסקענדיג, קלינגענדיג,
און מיט זיך ברענגענדיג,
ברעטעלאַך, שטיינדעלאַך,
אין זיינע הענט.
גיסנדיג, קאַפּענדיג,
פאַלנדיג, קלאַפּנדיג,
אויף ריזיגע פעלזן,
אויף שטיינערנע ווענט.

ליכטלאַך

ליכטעלאַך דאָרט פינקלען,
אין דער שטילער נאַכט.
אויבן נאָר אין הימל,
די לבנה וואַכט.

געלע ליכטלאַך, רויטע ליכטלאַך,
ליכטלאַך אָן אַ שיר,
זייער פריילאַך שיין זיי שיקן,
דורך דער נאַכט צו מיר.

דורך מיין פענצטער, אין מיין צימער,
וואו איך זיץ פאַרטראַכט,
שיינען זיי ווי העלע שטערן,
אין דער שטילער נאַכט.

פופצן

אין סאַבוויי

די רעדער זיי קווײטשען, די מענטשן זיי אײַלן,
עס הערן זיך קולות און מאָדנע געקלאַנגען;
די באַנען זיי פליען פון סטאַנציע צו סטאַנציע
און בויגן און דרייען ווי ריזיגע שלאַנגען.

די באַן פליט אין טונעל, איך זיץ לעבן פענצטער,
די ליכטלאַך־קאָלירן, זיי פינקלען אין פלאַמען.
די רעלסן — צוויי זילבערנע, גליענדע פּאַסן,
זיי ציען אין שוואַרצקייט און קומען צוזאַמען.

דער טונעל ער ברומט ווי אַ שרעקלאַכע חיה,
די באַן זי לאָזט איבער די שוואַרצקייט פון הינטן;
זי וויגט זיך און בויגט זיך און וואַרפט אום די מענטשן,
זי יאָגט און זי לויפט נאָך די פינצטערע ווינטן.

און פּלוצלינג ווערט ליכטיג, די זון שײַנט שוין ווידער,
די באַן פליט שוין איבן דורך אָרימע גאַסן;
עס קלינגט אַ גערויש פון מיליאָנען מאַשינען,
פון אַמעריקע׳ס אײַלנדע אַרבעטער־מאַסן.

זעכצן

פרילינג אויף דער „איסט סייד“

עס ברענגט דער פעדלער בלימעלאַך,
און שטייט אונטער די פענצטער.
הויך, הויך אין די „טענעמענטס“ עס קלינגט זיין קויל:
„בלימעלאַך, בלימעלאַך, רויטע שיינע בלימעלאַך,
קומט קויפן רויטע בלימעלאַך,
קומט אַלע מיטאַמאָל.“

עס ברענגט דער פעדלער בלימעלאַך,
און שטייט אונטער די פענצטער.
עס קוקן פון די „טעמענעמנטס“ פיל קינדערשע קעפּ,
בלימעלאַך, בלימעלאַך, רויטע, שיינע בלימעלאַך,
צו קויפן רויטע בלימעלאַך,
זיי לויפן פון די טרעפּ.

עס קויפן קינדער בלימעלאַך,
און שטעלן אויף די פענצטער.
עס רוט די שמאָלע גאַס פון ראַש, ס'איז איצט די
מיטאָג שעה.
עס שטייען רויטע בלימעלאַך אויף אויסגעשמירטע
פענצטער,
עס ברענגט דער פעדלער בלימעלאַך,
און פרילינג איז שוין דאָ.

זיבעצן

מיין ברודער

אַ קלייניניקער, אַ שייניניקער,
און שטיפן קאָן ער פיל.
אַ אינגעלע וואָס רוט גאָרניט,
פאַרטאָן איז נאָר אין שפּיל.

אַ ספּריטנער און אַ שנעלינקער,
ער שפּילט די גאַנצע צייט;
ווי נאָר ער קומט אַרוים אין גאַס
באַלד האָט ער שוין אַ פייט.

די פּילקע פליט און ער לויפט נאָך,
ער כאַפּט און וואַרפט צוריק.
פון ברעטלאַך מאַכט ער קונציג אַייך
אַ גאַנצע „ברוקלין בריק".

ער האָט אַ ביקס געקראָגן אויך,
און שיסט די גאַנצע צייט;
ער האָט אויך נעכטן שטילערהייט,
פאַרשמירט ער די ווענט מיט קרייט.

ער לאָזט די קינדער ניט צורו,
דער קליינער שטיקל ברען.
ס'איז קיינמאָל אויף דער וועלט אַזאַ
קליין שטיפער ניט געווען.

אין מוזייאום

איך גיי אויף די טרעפּ פון מוזייאום
און עפן די טיר;
עס עפנט אַ וועלט זיך אַ נייע
פאַר מיר.

מענטשן און חיות און וועלטן —
פון יאָרן צוריק.
פיל וואונדער פון גאָר אַלטע צייטן
פאַרכאַפּן מיין בליק.

אַט זיצט אַ אינדיאַנישע מאַמע
און נייט;
עס זיצט לעבן איר אַ געקרייזלטער אינגל
און שפּילט אויף אַ פלייט.

אַט גייט אַ שיף אויף די ימים
מיט זעלנער צום קריג;
אַט פאָרט דאָרט אַ העלדישער רייטער
פון גרויזאַמן זיג.

עס פליען די פייגל אין לופטן,
צום הימלישן סוף;
אַט ליגט אַ בער אויף אַ בערגל
און כראָפּעט אין שלאָף.

עס הענגט אין דער לופטן אַ פיש
אַזוי גרויס ווי אַ הויז;
אַט שפּרינגט דאָרט אַ העזל אין וועלדל
אַט לויפט דאָרט אַ מויז.

כ׳יינצן

עס ציען זיך וועגן מיט סחורה
דורך מדבר און פעלד;
אַט שטייט הערקולעס דער גבור
דער פּאַבלשער העלד.

איך קוק אויף דער וועלט פון דערוויטנס,
איך קוק אויף צוריק;
איך גיי אויף דער בריק פון געשיכטע
אויפ'ן אייביקן בריק.

צוואַנציק

אַ שפּאַציר אויף בראָדוויי

אַ שיינע ברייטע גאַס,
מיט רייכע קראָמען אויף די זייטן.
דורך הויכע טורעמס ווינקט אַ בלויער פּאַס,
פון הימל פון׳ם ווייטן.

עס איילן דאָ זיך אַלע מענטשן,
זיי גייען אַלע גלייך מיט שנעלע טריט,
איך אָבער קוק אין אַלע רייכע פענצטער,
און אַלץ פאַר מיינע יונגע אויגן בליט.

זייגערלאַך און שטיינערנע סטאַטועז,
טעפּעלאַך פון ווייך־קאָלירטן ליים,
וואַזעס פון די אַלטע, אַלטע צייטן,
אויסגעגראָבן פון דער אַלטער רוים.

אַט שטייען דאָרט כינעזישע אַנטיקן,
מענטשעלאַך און קעסטעלאַך פון זילבער און פון ביין;
און פייגעלאַך מיט פאָכעדיגע פליגל,
פיל וואונדער וואָס איך קען גאָרניט פאַרשטיין.

איך טראַכט פון אַט די אַלע שיינע זאַכן,
און ווען איך שלאָף און אַלעס איז שוין שטיל,
חלום איך, ווי ס׳קומט אַ וואונדער מלאך,
און גיט מיר פון די פענצטער וואָס איך וויל.

דער שכור

עס ליגט אַ מאַן אין קאַלטער גאַס,
די אויגן רויט, דאָס פּנים בלאַס,
די וועלט זי גייט פאַרביי מיט שפּאַס.

די מענטשן גייען אים פאַרביי,
די קינדער מיט אַ פייפעריי,
די וועלט איז יונג און פריש און פריי.

עס שטעלן אַנדערע זיך אָפּ,
זיי קוקן אויף זיין גרויען קאָפּ
און טרעטן לאַנגזאַם פון אים אָפּ.

עס פרעגט ניט קיינער וואָס ער מאַכט,
די וועלט זי לאַכט פון אים און לאַכט,
ביז ס'קומט די שטילע, שוואַרצע נאַכט.

צוויי־און־צוואַנציק

אין ציר ק

חיות,
קליינע און גרויסע,
פון אַלערליי מינים.
מאַלפּעס וואָס שפּרינגען,
און קלעטערן שנעל,
אויף אײַזערנע גראַטעס.
טיגערס און לייבן,
וואָס ליגן זיך רואיק,
ווי שטאָלצע מאָנאַרכן,
און קוקן אויף אַלעם
מיט גלעזערנע אויגן.
העלפאַנטן גרויסע,
וואָס קייען און שלינגען,
און וואַרפן די נעזער,
און בעטן: גיט נאָך!
הויכע זשיראַפן,
מיט דין־לאַנגע העלדזער,
וואָס קוקן אַראָפּ
אויפ'ן ראַשיקן עולם.
און „בראָנקאָס" און „פּאָניס",
באַפּוצטע אין זיידנס,
וואָס שנאָרכן און הירזשען,
מיט זייערע נעזער.
וואָס קלאַפּן און טופּען,
מיט זייערע פיס.

„קלאָונס"
וואָס טראָגן קאָסטיומען, —
גאָר מאָדנע קאָסטיומען, —

באַשפּריצטע מיט פּינטלאַך,
מיט שפּיציגע היטלעך,
באַהאַנגען מיט קלײנינקע,
זילבערנע גלעקעלאַך.
זײ קוליען און טאַנצן,
און שפּרינגען װי פּילקעס,
און גײען װי מאַלפּעס
אַרום אויף די הענט..
זײ לױפן װי פערדלאַך,
זײ רײטן אויף שטעקנס,
זײ האַװקען װי הינט,
און קרײען װי הענער,
און װאַרפן צעקװעטשטע,
פוילע פּאָמאַדאָרן,
אײנער דעם צװײטן
אין פּנים אַרײן.
זײ שרײען דערבײ,
מיט אַ קװיטשעדיק קול,
און מאַכן דעם עולם,
צעגײן פון געלעכטער.

אַ ק ר אָ ב אַ ט ן ,
הױכע און דינע,
מיט בױגזאַמע קערפּערס,
װאָס דרײען זיך
װי שלאַנגען צוזאַמען.
זײ גײען און טאַנצן
אין לופטן אויף שטריק.
זײ הױדען זיך שנעל,
אין דער הײך, אויף טראַפּעזן.
אָט גיט דאָרטן אײנער
אַ שפּרונג פון טראַפּעזע,

עס כאַפּט אים אַ צוויטער
האַלב וועג אין דער לופטן,
און הוידען זיך ווייטער,
ווי ס'איז גאָרניט געשען.
און ס'האַלט אונטן אײַן,
דער עולם דעם אָטעם.

ד ע ר פּ ע ר א ד. —
עס גלאַנצן פיגורן,
באַפּוצטע אין זײַדנס,
וואָס רײַטן אויף „פּאָנים“,
וואָס גייען זיך גלײַך,
צום טאַקט פון מוזיק.
עס שטייגן די פאָנען,
הויך אין דער לופטן,
און פלאַטערן שטאָלצע.
עס פאָרן קאַרעטן
און פירן די חיות.
די טיגערס און לייבן,
און מאַלפּעס און קעמלען.
עס גייען נאָך זיי
אַלערליי מענטשן.
מאָדנע און ווילדע,
ריזן וואָס טראָגן
אויף זייערע פּלייצעס,
קאַרליקעס, — מענטשן.
ווילדע קאַניבאַלן,
וואָס טאַנצן און שרייען,
און גייען אַרום
מיט גלאַנציגע שפּיזן.
מענטשן סקעלעטן,
און מענטשן מיט בייכער,

וואָס שלעפּן זיך קוים.
אינדישע פאַקירן,
וואָס טאַנצן אויף טשוועקעס,
און לעקן הייסע
רויט-גליענדע אײַזנס
מיט זייערע צינגער.
מענטשן וואָס שלינגען,
אײַזערנע שווערדן.
און אַנדערע וואָס זיצן
אין שמאָלינקע קעסטלאַך,
מיט לעבער אין די זייטן,
און מען שטעקט דאָרט אַריין,
גאָר שאַרפע שווערדן,
און יענע קומען,
אַרויס אָן אַ וואונד.

* * *

געענדיגט דער צירק,
איך פאָר שוין אהיים.
איך טראַכט וועגן קערפּערס,
וואָס פליען אין לופטן,
פון חיות און קלאָונס,
און גרויסן פּאַראַד.

אַ בליץ און אַ גלאַנץ!
דער צירק טוט אַ טאַנץ.
איך טאַנץ מיט, מיט אים.
עס קלינגט אויך מיין שטים.
איך טאַנץ אַט אַזוי,
אין דער נאַכט ווייט אַריין.

זעקס-און-צוואַנציק

בײם ים

די זון האָט אַ גאַנצן פרימאָרגן געבּרענט,
מיר האָבן גענומען די פּיס אין די הענט
און האָבן געלאָזן זיך לויפן צום ים,
אום צו דערשטיקן דעם העלישן פלאַם.

מיר האָבן זיך צום קלאָר-בּלויען וואַסער געלאָזן,
געשפּרונגען, געלאָפן ווי אמת'ע האָזן;
געשוואומען, געטונקט זיך, געשטיפט און געקוועלט,
געהערט האָט צו אונדז איצט די גאַנצענע וועלט.

מיר האָבן זיך שנעל איבּער קלעצלאַך געקוליעט,
און האָבן צום וואַרעמען זאַמד זיך געטוליעט,
בּיז ס'האָט אינ'ם מערב זייט ווייט זיך פאַררוקט,
די זון — און זי האָט אויף אונדז מער ניט געקוקט.

זי וואונדערט זיך און פרעגט,
איר אַלטער פּנים שיינט,
די אויגן אירע גלאַנצן,
אַ, סאַראַ שמחה היינט!

אַליין איז ער געקומען,
פון לאַנד פון עוף מיט יויך,
אַ, סאַראַ שיינער אינגל,
ער שרייבט שוין לידער אויך.

מיר פרייען זיך צוזאַמען,
ביז ס׳קומט דער מאָרגן אָן,
עס ווערט שוין פריש און ליכטיק,
עס גיט אַ קריי דער האָן.

איך פלי אַוועק פון באָבע׳ן,
אין ליכטיק מאָרגנשיין,
איך לייג זיך אין מיין בעטל,
און שלאָף באַלד רואיק איין.

* * *

איך טראַכט פון ווייטער פּוילן,
מיין באָבע׳ס שטים איך הער:
ווען כ׳וואָלט נאָר געווען אַ לינדבערג,
דאַן ברענג איך זי אַהער.

צו מיין באָבע׳ן אין פוילן

זי זיצט דאָרט גאָר אַליין,
אָן קרובים און אָן פריינט;
עס רוקט די צייט זיך שטיל,
עס ווערט פון מאָרגן היינט.

זי וואַרט דאָרט לאַנגע טעג,
אויף בריוול, אָדער בילד;
די מידע אויגן אירע,
זיי קוקן ווייך און מילד.

וואָס טוט זי דאָרט אַליין,
אין דער גרויסע׳ר, ברייטער וועלט?
ווער גיט איר עסן דאָרט,
באַשיצט איר ווער פון קעלט?

איך חלום ווי איך פאָר,
אין פוילן ווייט אַוועק,
און זוך מיין באָבען דאָרט,
איך זוך פון עק ביז עק.

און אָט געפין איך איר,
זי זיצט זיך שטיל און טראַכט.
„מיין באָבע!“ שריי איך אויס.
עס קלינגט מיין שטים אין נאַכט.

זי קוקט זיך אום אויף מיר,
זי כאַפּט מיך אין די הענט,
דאָס שטיבל קלינגט פון פרייד,
עס טרייסלען זיך אַזש די ווענט.

דער צעפּעלין

I

איר זעט אין הימל דאָרטן ווייט אַ פּינטעלע,
וואָס רוקט זיך איצט אַלץ נענטער אַהער?
דאָס איז דער צעפּעלין.
ער קומט פון ווייטע לענדער, ווייטע שטעט,
פון וויסטן מדבר, ווילדן סטעפּ און שטורמדיקן ים.
דער צעפּעלין.
געפלויגן איז ער איבער טויטע לענדער,
וואָס ציען זיך גאָר ווייט צום עק פון וועלט.
אַריבער גרויסע שטעט פון שטיין און ציגל,
מיט גרויסע מויערן וואָס ציען זיך צום הימל.

II

ער קומט פון קאַלטע לענדער, פול מיט אייז,
דער צעפּעלין.
וואו אַלץ איז ווייס און אַלעס פרירט, און
שטאַרבט אוועק,
וואו ס'שטייען הויכע בערג מיט אייז און שניי,
און ס'טראָגט זיך אום אַ מורא'דיקע קעלט.

III

ער קומט פון הייסע לענדער, פול מיט זון,
דער צעפּעלין.
וואו אַלעס בליט, און אַלעס לעבט, און אַלץ איז יונג.
אַ שטיק גן-עדן דאָרט, באַהאַלטן פון דער וועלט,
וואו ס'שיינט די זון דעם גאַנצן טאָג, און
קוועלט און קוועלט.

דרייסיק

IV

ער קומט בשלום איצט אַהיים מיט פרייד,
דער צעפּעלין.
אַ לאַנגער, שטאַרקער, שטאָלענער ציגאַר,
וואָס פליט זיך אַזוי מאַיעסטעטיש און גראַציעז,
דער גרויסער, גרויסער קעניג פון דער לופט.

V

און פון די פענצטער שטעקן קעפּעלאַך, פּינטעלאַך,
מענטשעלאַך גאַר קליינינקע אין גרויסן צעפּעלין.
זיי פאָכען מיט די היטלעך אין די הענט,
באַגריסן זייער לאַנד און זייער היים.

VI

קומט, לאָמיר אַלע אינאיינעם שרייען „הורא“ ;
קומט, לאָמיר אַלע טאַנצן, לאַכן, שפּרינגען ;
קומט, לאָמיר אַלע, אַלע גיין באַגריסן
דעם גרויסן, שטאַרקן וואונדער־צעפּעלין !

אינהאַלט:

צו עזרא'ן — 3
פאָרװאָרט — 4
אַ בריװ — 6
פלי, דו קלײנער נאַכטיגאַל! — 7
שפיל — 8
אַ שניי, די זון, אַ רעגן — 9
בײמער — 10
אין באַן — 11
הערבסט, בלומען — 12
דער זײגער — 13
שאָטנס — 14
דער װאַסערפאַל, ליכטלאַך — 15
אין סאַבװײ — 16
פרילינג אויף דער איסט סייד — 17
מײן ברודער — 18
אין מוזײאום — 19
אַ שפּאַציר אויף בראָדװײ — 21
דער שכור — 22
אין צירק — 23
בײם ים — 27
צו מײן באָבן אין פוילן — 28
דער צעפּעלין — 30

צװײ־און־דרײסיק